STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06117

# AMOL IZ GEVEN

H. Barkan

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. באַרקאַן

# אַמאָל איז געווען

## (מעשות און לעגענדעס)

בוך איינס

ארויסגעגעבן פון
„פאַרלאַג אַרבעטער־רינג"

קינדער־רינג ביבליאָטעק

Copyright 1942
*by*
FARLAG ARBETER RING
*of the*
EDUCATIONAL COMMITTEE
OF THE WORKMEN'S CIRCLE
NEW YORK, N. Y.

Printed in U. S. A.

10

# דערקלערונג

די מעשות און לעגענדעס, וואָס גייען דאָ אַרײַן אין בוך, זײַנען גענומען געוואָרן פון אַלטן יידישן קוואַל. די לעגענדעס ווערן איבערגעגעבן ווי זיי זיינען אין מקור. זיי זײַנען בלויז אין שפּראַך און אין פאָרם באַאַרבעט און צוגעפּאַסט געוואָרן צו די יינגערע קלאַסן פון דער יידישער שול. די מערסטע מעשות האָבן טיילווײַז געמוזט געענדערט ווערן. אַ טייל פון זיי ווערן איבערגעגעבן אין די אַלטע יידישע ספרים ווי אַ משל. טרעפט דאָרט אָפט, אַז עס ווערט דערציילט אַן אינטערעסאַנטע מעשה. אָבער נאָך איידער די דערציילונג האָט זיך געהעריק אַנטוויקלט און צוגעקומען צו אַ פּאַסיקן קלימאַקס, האָט דער ממשיל פאַרענדיקט זײַן משל, שוין אילוסטרירט און אַרויסגעבראַכט וואָס ער האָט געוואָלט, און די מעשה איז פאַרבליבן ניט פאַרענדיקט.

אין אַזוינע פאַלן, האָט דער מחבר זיך דערלויבט דעם מאַטעריאַל דאָ און דאָרט צו ענדערן, און וואו ס'איז נייטיק עפּעס צוצוגעבן, כּדי צו קענען די אַלטע אוצרות ברענגען צו אונדזערע קינדער.

איך וויל דאָ אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק פרײַנד נ. כּאַנין, בילדונגס-דירעקטאָר פון אַרבעטער-רינג, וועלכער האָט מיט זײַן הילף און דערמוטיקונג דערמעגלעכט, אַז דאָס בוך זאָל דערשײַנען; אַ דאַנק מײַנע חברים לערער ג. ברעסלער און פ. סײַמאָן פאַר זייערע עצות און אָנווײַזונגען; חבר יודל מאַרק פאַר זײַן קאָאָפּעראַציע, און מײַן פרײַנד י. קאַמינסקי פאַר זײַן טעכנישער הילף בײַם אַרויסגעבן דאָס בוך.

**דער מחבר**

# אינהאַלט


1. דערקלערונג — 3
2. אַ גוטער זכּרון — 5
3. דער אָרעמאַן און דער פרעמדער — 7
4. די גוטע פרוי — 9
5. דער אוצר — 11
6. באַשיידענע מענטשן — 13
7. דער טרעגער און דער האַלצהעקער — 15
8. דער דימענט — 17
9. אַ גוטער דאָקטער — 19
10. דער בלינדער און דער קרומער — 21
11. אַ גוטער מענטש — 24
12. דער רײַכער און דער גערנטער — 26
13. באַהאַלטענע הילף — 28
14. דאָס קלוגע ייִנגעלע — 30
15. דער ייִד און דער דימענט — 33
16. דער האָלצהעקער און דער אַלטער מאַן — 36
17. דער פרוכט-פאַרקויפער — 39
18. דער באַלעגאָלע און דער אוצר — 42
19. דער ערלעכער ייִד — 45
20. דער קלוגער ייִד — 48
21. דער ייִד הלל — 51
22. דער קלוגער סוחר — 54
23. דער וואונדער — 57
24. אמתע פרײַנדשאַפט — 60




# אַ גוטער זכּרון

אַמאָל איז געווען אַ קליין יינגעלע,
אַ יינגעלע פון פינף יאָר.
איין מאָל איז צו זיין טאַטן געקומען אַ גאַסט.
דער גאַסט האָט געהערט,
אַז דאָס יינגעלע איז קלוג, זייער קלוג.
האָט דער גאַסט געוואָלט מיט אים רעדן.
האָט ער מיט אים גערעדט, גערעדט.
נאָך דעם האָט ער אים געפרעגט:
— „זאָג נאָר, יינגעלע, האָסט שוין היינט געגעסן?"
— „יאָ," — האָט געענטפערט דאָס קינד.
— „וואָס?" — האָט געפרעגט דער גאַסט.
— „ברויט מיט . . ."
דאָס יינגעלע האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן,
אָבער דאָ איז אַריינגעקומען זיין טאַטע.
דער גאַסט איז צוגעגאַנגען צו זיין טאַטן,
און שפּעטער איז ער אַוועקגעפאָרן.

אין דריי יאָר אַרום
איז דער גאַסט ווידער געקומען.
ער האָט ווידער געזען דאָס יינגעלע.
אַזוי ווי ער האָט אים דערזען,
האָט ער אים באַלד געפרעגט:
— „נו, יינגעלע, מיט וואָס?" . . .
— „מיט פוטער!" — האָט דאָס יינגעלע געענטפערט
און האָט געענדיקט זיין ענטפער
פון פאַר-דריי-יאָרן.

און אַז דאָס קליינע יינגעלע איז אויסגעוואַקסן,
איז עס געוואָרן אַ גרויסער יידישער געלערנטער.



# דער אָרעמאַן
# און דער פֿרעמדער

אַמאָל איז געווען אַ גוטער ייִד.
ער איז געווען זייער אַן ערלעכער.
אָבער ער איז געווען זייער אָרעם.
מענטשן האָבן אים געוואָלט העלפֿן.
אָבער ער האָט געזאָגט:
— „איך וויל אַרבעטן.
איך וויל ניט אומזיסט קיין געלט!"
איין מאָל, פֿאַר פּסח, האָט ער ניט געהאַט
וואָס ייִדן דאַרפֿן אויף פּסח:
מצות, פֿיש, פֿלייש, וויַין, קליידער.
זיַין וויַיב און קינדער זיַינען געזעסן אין שטוב
און האָבן ביטער געוויינט.

איז דער אָרעמער ייִד אַרויסגעגאַנגען אין גאַס.
ער האָט געוואָלט געפֿינען אַרבעט.
האָט ער באַגעגנט אַן אַלטן ייִדן,
אַ הויכן מאַן מיט אַ לאַנגער, וויַיסער באָרד.
דער אַלטער האָט געזאָגט צו דעם ייִדן:
— „הער, מיַין פֿריַינד,

איך בין דאָ אַ פרעמדער.
לאָז מיך עסן פּסח בײַ דײַן טיש."
האָט דער ייִד געענטפערט:
— „איך האָב אַליין ניט וואָס צו עסן!"
האָט דער אַלטער אים געגעבן געלט
און ער האָט געזאָגט:
— „נאַ דיר גענוג געלט
און דו וועסט קענען קויפן אַלץ אויף פּסח.
נאָך פּסח וועסטו מיר דאָס געלט אָפּגעבן."

דער אָרעמער ייִד איז געלאָפן אַהיים.
ער האָט געגעבן זײַן ווײַב דאָס געלט
און ער האָט איר אַלץ דערציילט.
די פרוי איז געלאָפן אין קראָם.
זי האָט אײַנגעקויפט אויף פּסח:
מצות, פיש, פלייש, ווײַן און קליידער,
און עס איז איר נאָך געבליבן געלט.
האָבן זיי געהאַט אַ פריילעכן פּסח
צוזאַמען מיט דעם אַלטן ייִדן.

# די גוטע פרוי

אַמאָל איז געווען אַ ייִד.
ער האָט געהאַט זייער אַ גוט ווײַב.
איין מאָל קומט דער ייִד אַהיים
און ער זאָגט:
— „הער, מײַן ווײַב,
מײַן פרײַנד קומט הײַנט צו אונדז.
מײַן פרײַנד וועט הײַנט עסן בײַ אונדז.
איך בעט דיך, מאַך גוטע זאַכן צום עסן.
איך גיי איצט אַוועק.
איך וועל שפעטער קומען מיטן גאַסט."
— „גוט," — האָט געזאָגט די פרוי.
די פרוי האָט גענומען אַרבעטן.
זי האָט געקאָכט און געבאַקן.
זי האָט געמאַכט גוטע זאַכן צום עסן.

אָבער דאָ איז געקומען אַן אָרעמאַן.
דער אָרעמאַן איז געקומען צו דער טיר
און ער האָט געזאָגט:
— „גוטע פרוי, העלף מיר,
העלף מיר, איך האָב ניט קיין אַרבעט.
איך בין הונגעריק,
און מײַן ווײַב און קינדער זײַנען הונגעריק."
האָט די פרוי גענומען די גוטע זאַכן,
וואָס זי האָט געקאָכט און געבאַקן,
און האָט דאָס אַוועקגעגעבן דעם אָרעמאַן.
שפּעטער איז געקומען איר מאַן.
ער האָט געבראַכט זײַן פרײַנד.
אָבער די פרוי האָט ניט געהאַט קיין עסן.
און זי האָט אַלץ דערציילט איר מאַן.

האָט דער מאַן געזאָגט:
— „האָסט גוט געטאָן, מײַן ליבע פרוי.
ביסט אַ גוטע פרוי!
מײַן פרײַנד איז מיר זייער ליב.
אָבער מײַן פרײַנד קען וואַרטן,
און די הונגעריקע קענען ניט וואַרטן."
און דער מאַן און דער גאַסט האָבן געוואַרט,
ביז די פרוי האָט ווידער געמאַכט עסן.

# דער אוצר

אַמאָל איז געווען אַ רײַכער ייִד.
ער האָט געהאַט אַ סך געלט
און ער איז געווען זייער אַ גוטער.
ער האָט געהאָלפן די אָרעמע
און האָט געטאָן אַ סך גוטס.

שפעטער איז דער ייִד געוואָרן אָרעם.
ער האָט נאָר געהאַט אַ שטיקל פעלד,
אַ קליין שטיקל פעלד,
און אַן אָקס צו אַקערן דאָס פעלד.

איין מאָל איז דער ייִד געגאַנגען אין גאַס.
ער האָט געזען דרײַ פרעמדע מענטשן,
דרײַ פרעמדע מענטשן פון אַן אַנדער שטאָט.
זיי זײַנען געקומען אין שטאָט
צו בעטן געלט פאַר אָרעמע געלערנטע.
אַז דער ייִד האָט זיי דערזען,
האָט ער געטראַכט:
וואָס וועל איך זיי געבן?
איך האָב דען געלט?
איך קען דען זיי העלפן?

און ער איז געלאָפֿן אַהיים
און האָט געפֿרעגט זײַן ווײַב וואָס צו טאָן.
האָט זײַן ווײַב געזאָגט:
— „ווייסטו וואָס, מײַן ליבער מאַן?
מיר האָבן נאָך אַ שטיקל פֿעלד.
פֿאַרקויף אַ טייל פֿון דעם שטיקל פֿעלד,
און גיב אַ ביסל געלט פֿאַר די אָרעמע געלערנטע".

האָט דער ייִד אַזוי געטאָן.
אין עטלעכע טעג אַרום
האָט ער געאַקערט מיט זײַן אָקס דאָס געבליבענע שטיקל פֿעלד.
איז דער אָקס אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ גרוב.
דער ייִד איז אַרײַנגעשפּרונגען אין גרוב
אַרויסצושלעפּן דעם אָקס.
האָט ער דאָרט געפֿונען אַן אוצר מיט גאָלד.



# באַשיידענע מענטשן

אַמאָל זײַנען געווען צוויי קלוגע ייִדן.
זיי זײַנען געווען געלערנטע ייִדן.
איין מאָל זײַנען זיי געקומען אין אַ שטאָט,
אין אַ גרויסער ייִדישער שטאָט.
אַז זיי זײַנען געקומען אין שטאָט,
זײַנען אַלע ייִדן געוואָרן פֿריילעך.
זיי זײַנען אַלע אַרויס אין די גאַסן.
זיי האָבן געטאַנצט און געזונגען.

די געלערנטע זײַנען געפֿאָרן אין אַ וואָגן,
אין זייער אַ שיינעם וואָגן.
די פֿערד האָבן געשלעפּט דעם וואָגן.
האָבן די ייִדן אויסגעשפּאַנט די פֿערד פֿון וואָגן
און זיי האָבן אַליין געשלעפּט דעם וואָגן.
זיי האָבן געשלעפּט דעם וואָגן
און געזונגען און זיך געפֿרייט.

האָט איינער פון די צוויי געלערנטע געטראַכט:
צוליב וועמען טאַנצן און זינגען די ייִדן?
צוליב וועמען זײַנען זיי אַזוי פריילעך?
אָ, צוליב מײַן געלערנטן פרײַנד!
יאָ, ער איז טאַקע אַ גרויסער מענטש!
וואָס זשע האָט ער געטאָן?
איז ער שטיל אַראָפּגעגאַנגען פון וואָגן,
קיינער האָט ניט געזען,
און ער האָט אויך געשלעפּט דעם וואָגן.

אַז דער צווייטער געלערנטער האָט געזען,
אַז די ייִדן זײַנען אַזוי פריילעך,
האָט ער אויך געטראַכט:
צוליב וועמען טאַנצן און זינגען די ייִדן?
צוליב וועמען זײַנען זיי אַזוי פריילעך?
אָ, צוליב מײַן געלערנטן פרײַנד!
יאָ, ער איז טאַקע אַ גרויסער מענטש!
און ער איז אויך אַראָפּ פון דעם וואָגן,
קיינער האָט אים ניט געזען,
און ער האָט אויך געשלעפּט דעם וואָגן.

אַזוי זײַנען אַלע ייִדן געווען פריילעך,
און אַלע האָבן געשלעפּט דעם וואָגן —
און דער וואָגן איז געווען ליידיק.

# דער טרעגער און דער האָלצהעקער

אַמאָל איז געווען אַן אָרעמער טרעגער.
ער האָט געוואוינט אין אַ קליין שטיבל
און האָט געהאַט אַ ווײַב און אַ טאָכטער.
איין מאָל איז די טאָכטער געוואָרן זייער קראַנק.
טאַטע-מאַמע האָבן געוויינט און געוויינט.
זיי האָבן געוואָלט רופן אַ דאָקטער,
האָבן זיי ניט געהאַט קיין געלט.

לעבן טרעגער האָט געוואוינט אַ האָלצהעקער.
דער האָלצהעקער איז אויך געווען אָרעם.
ער איז אָבער געווען אַ גוטער מענטש.
אַז ער האָט געהערט,
אַז דעם טרעגערס מיידל איז זייער קראַנק,
איז ער אַוועקגעגאַנגען אין מאַרק אַרײַן.
אין מאַרק האָט ער פֿאַרקויפֿט זײַן האַק.
ער האָט געגעבן דאָס געלט דעם טרעגער
און ער האָט געזאָגט:
— „נאַ דיר, מײַן ליבער פֿרײַנד, דאָס געלט,
און זאָל דײַן טאָכטער זײַן געזונט!"

אויפן צווייטן טאָג אין דער פרי
האָבן דעם האָלצהעקערס קינדער געוויינט:
— „מאַמע, מאַמע, גיב אונדז ברויט,
מיר זײַנען הונגעריק!”
איז דער האָלצהעקער אַוועק אין וואַלד.
ער איז אַוועק אין וואַלד אָן אַ האַק,
און האָט גענומען ברעכן די צווײַגן מיט די הענט.
פּלוצלונג האָט עפּעס אַ קלונג געטאָן.
עס האָבן גענומען פאַלן שטיקלעך גאָלד.
די שטיקלעך גאָלד זײַנען געפאַלן, געפאַלן,
אָן אַ סוף, אָן אַ סוף.

האָט דער האָלצהעקער אָנגעפּילט זײַן זאַק,
אַ פולן זאַק מיט גאָלד.
נאָך דעם איז ער געקומען און האָט אָנגעפּילט
נאָך אַ זאַק און נאָך אַ זאַק.
ער איז געוואָרן זייער רײַך.
אָבער ער האָט ניט גענומען דאָס גאַנצע גאָלד.
ער האָט געגעבן אַ טייל גאָלד זײַן פרײַנד,
דעם אָרעמען טרעגער.
דעם טרעגערס טאָכטער איז געוואָרן געזונט.
און דער האָלצהעקער און דער טרעגער
האָבן אַלע יאָרן געלעבט גליקלעך.

# דער דימענט

אַמאָל איז געווען אַ ייִד.
ער איז געווען זייער אַ גוטער
און זייער אַ געלערנטער.
ער און זײַן ווײַב זײַנען געווען אַליין.
זיי האָבן ניט געהאַט קיין קינדער.
זיי האָבן אויך ניט געהאַט קיין ברויט.
ער און זײַן ווײַב זײַנען געווען הונגעריק.

דער ייִד איז געווען אַ גרויסער געלערנטער.
טאָג און נאַכט האָט ער געלערנט.
איין מאָל אין מיטן נאַכט
זיצט דער ייִד און לערנט.
ער טוט אַ קוק אויף דער וואַנט,
זעט ער אַ ליכט.
דאָס ליכט שײַנט אַרויס פון דער וואַנט.
גייט ער צו און ער זעט:
פון דער וואַנט שײַנט אַרויס אַ גרויסער דימענט.

שטייט דער ייִד און קוקט אויפן דימענט.
ער וויל אים נעמען.
ער שטרעקט שוין אויס די האַנט.

פלוצלונג הערט ער ווי מען רופט אים:
— „הער, ליבער ייִד, הער!
זאָג, וואָס ווילסטו?
ווילסטו דעם דימענט?
ווילסטו ווערן רײַך?
אָדער דו ווילסט בעסער האָבן גוטע קינדער,
גוטע, ערלעכע, געלערנטע קינדער?
זאָג, מענטש, וואָס ווילסטו?"

ענטפערט דער געלערנטער ייִד:
— „ניין, איך דאַרף ניט דעם דימענט.
איך וויל ניט זײַן רײַך.
איך וויל בעסער האָבן גוטע, געלערנטע קינדער
גוטסקייט איז בעסער פון רײַכקייט.
געלערנטקייט איז שענער פון דימענטן."

פלוצלונג איז דער דימענט אַוועק.
דאָס גרויסע ליכט איז מער ניט געווען.
אָבער אין אַ צײַט אַרום
האָט דעם ייִדנס ווײַב געבוירן אַ קינד.
נאָך דעם האָט זי געהאַט נאָך קינדער.
און אַלע זײַנען זיי אויסגעוואַקסן
גוטע, געלערנטע ייִדן.

# אַ גוטער דאָקטער

אַמאָל איז געווען אַ דאָקטער.
ער איז געווען זייער אַ גוטער
און האָט ליב געהאַט די אָרעמע מענטשן.
אַז ס'איז געקומען צו אים אַן אָרעמאַן,
האָט ער אים געהיילט אָן געלט.
אויף דער וואַנט האָט ער אויפגעהאָנגען אַ פּושקע.
אַז אַן אָרעמאַן האָט געוואָלט געבן געלט,
האָט ער אַרײַנגעוואָרפן אין פּושקע
וויפל ער האָט געקאָנט.
נאָך דעם האָט דער דאָקטער גענומען דאָס געלט,
געגעבן די אָרעמע און געזאָגט:
„איך האָב דאָס געלט גענומען בײַ די אָרעמע
און גיב עס צוריק צו די אָרעמע."

איין מאָל זײַנען געקומען אין שטאָט אַרײַן
צוויי פרעמדע מענטשן.
די פרעמדע מענטשן האָבן געהערט וועגן דאָקטער.
האָבן זיי געזאָגט: לאָמיר זען,
איז דער דאָקטער אַזאַ גוטער?
זײַנען זיי צו אים געקומען אין אַן אָוונט
און זיי האָבן געזאָגט:
— „ליבער מענטש, לאָז אונדז שלאָפן בײַ דיר."

— „גוט!“ — האָט געענטפערט דער דאָקטער.
אויף דער ערד איז געלעגן אַ שיינער טעפּעך.
האָבן די מענטשן זיך געלייגט אויפן טעפּעך.

אַז די מענטשן זײַנען אויפגעשטאַנען אין דער פרי,
האָבן זיי גענומען דעם טעפּעך
און זיי זײַנען אַוועקגעגאַנגען.
דער דאָקטער איז שוין געווען אין גאַס.
אויפן וועג אַהיים האָט ער זיי געזען.
האָבן די מענטשן צו אים געזאָגט:
— „דאָקטער, איך ווילט קויפן זייער אַ שיינעם טעפּעך?“
— „גוט!“ — האָט געענטפערט דער דאָקטער —
„איך גיב אײַך וויפל ער האָט די ווערט.
זײַן ווערט איז פופציק טאָלער,
ווײַל אַזוי פיל האָב איך פאַר אים באַצאָלט.“
האָבן די מענטשן געפרעגט:
— „אַז דו ווייסט, אַז דער טעפּעך איז דײַנער,
פאַר וואָס ווילסטו אים קויפן?“
— „ווײַל אַז איר ווילט פאַרקויפן מײַן טעפּעך,
ווילט איר אַוודאי העלפן די אָרעמע
און איר דאַרפט האָבן געלט,
נו, וועל איך דעם טעפּעך קויפן צום צווייטן מאָל.“
און דער גוטער דאָקטער האָט זיי געגעבן פופציק טאָלער
און די מענטשן האָבן דאָס געלט געגעבן די אָרעמע.



# דער בלינדער און דער קרומער

אַ מאַן האָט געהאַט אַ גאָרטן,
אַ שיינעם פרוכטגאָרטן.
אין פרוכטגאָרטן זײַנען געוואַקסן
עפּל, באַרן און פלוימען.
דער מאַן האָט דעם גאָרטן ליב געהאַט.
די מענטשן וואָס זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען
האָבן אויך דעם שיינעם גאָרטן ליב געהאַט.
אַז זיי זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען
און געזען די עפּל, באַרן און פלוימען,
זײַנען זיי אַרײַן אין גאָרטן
און געריסן די פרוכט.

האָט דער באַלעבאָס פונעם גאָרטן געזאָגט:
איך וועל אָנשטעלן צוויי וועכטער.
די וועכטער וועלן היטן די פרוכט.
אַז זיי וועלן זען מענטשן קומען צו די פרוכט,
וועלן זיי אויסשיסן אין דער לופט,
וועלן די מענטשן אַנטלויפן.
אָבער דער באַלעבאָס האָט ניט געוואָלט,
אַז די וועכטער זאָלן עסן די פרוכט.
האָט ער אָנגעשטעלט צוויי וועכטער —
איינעם אַ בלינדן און איינעם אַ קרומען,
אַז זיי זאָלן ניט קענען גיין נעמען די פרוכט.

אַז די וועכטער זײַנען געקומען אין גאָרטן,
האָט דער קרומער געזאָגט צום בלינדן:
— „אַך, איך זע אַזוינע שיינע פרוכט,
און איך קען זיי ניט גיין נעמען!“
ענטפערט אים דער בלינדער:
— „און איך קען זיי גיין נעמען,
אָבער איך זע ניט דעם וועג!“
וואָס זשע האָבן זיי געטאָן?
דער בלינדער האָט גענומען דעם קרומען אויף די פלייצעס,
און דער קרומער האָט געזאָגט:
גיי אַהער, גיי אַהין,
גיי רעכטס, גיי לינקס,
און דער בלינדער איז געגאַנגען צו די פרוכט.
אַזוי האָבן זיי געגעסן וויפל זיי האָבן געוואָלט.

אין אַ צײַט אַרום איז געקומען דער באַלעבאָס.
ער טוט אַ קוק —
אויף די ביימער איז שוין באַלד נישטאָ קיין פּרוכט.
פרעגט דער באַלעבאָס דעם בלינדן:
„דו האָסט געריסן די פּרוכט?"
ענטפערט דער בלינדער:
— „איך? ווי אַזוי? איך קען דען זען?"
פרעגט ער דעם קרומען:
— „דו האָסט געריסן די פּרוכט?"
ענטפערט דער קרומער:
— „איך? ווי אַזוי? איך קען דען גיין?"
האָט דער באַלעבאָס גענומען דעם קרומען,
אים אַרויפגעזעצט אויף דעם בלינדנס פּלייצעס,
און האָט זיי געהייסן גיין צו די ביימער.
און אַזוי איז דער אמת אַרויסגעקומען
ווי בוימל אויפן וואַסער.

# אַ גוטער מענטש

אַ ייִד איז אַרומגעגאַנגען אין מאַרק.
ער האָט פאַרקויפט אין מאַרק פּערל,
גוטע, טייַערע פּערל.
אַזוי ווי ער גייט אין מאַרק,
קומט צו צו אים אַן אַנדער ייִד.
דער אַנדערער ייִד האָט אויסגעזען אָרעם.
ער האָט געטראָגן אַלטע קליידער,
אַלטע, צעריסענע קליידער.
דער אָרעמער ייִד האָט גענומען אַ טייַערן פּערל.
ער האָט גענומען דעם פּערל און געפרעגט:
— „וויפל ווילט איר פאַר אָט דעם פּערל?"
דער פאַרקויפער האָט געענטפערט:
— „טויזנט שטיק זילבער, מייַן פרייַנד."
— „גוט," — האָט געזאָגט דער ייִד, —
„קומט, איך וועל אייַך באַצאָלן."

דער פאַרקויפער האָט זיך זייער געוואונדערט.
ער האָט זיך געוואונדערט
און איז נאָכגעגאַנגען דעם ייִדן.
זיי זייַנען אַרייַן אין אַ רייַכן הויז.
באַלד זייַנען צוגעקומען דינערס.
די דינערס האָבן געגעבן דעם ייִדן שיינע קליידער.

זיי האָבן אים גערופן: באַלעבאָס! באַלעבאָס!
דער ייִד האָט זיך געזעצט אויף אַ גאָלדענעם שטול.
ער האָט געגעבן דעם פּאַרקויפער אַ שטול.
און ער האָט געזאָגט צו איין דינער:
— „זײַ אַזוי גוט, מײַן דינער,
ברענג צום טיש די בעסטע זאַכן.
און איך האָב בײַ דעם מאַן געקויפט אַ פּערל,
גיב אים טויזנט שטיק זילבער.“

דער פּאַרקויפער האָט זיך זייער געוואונדערט.
נאָכן עסן האָט ער געפרעגט דעם רײַכן מאַן:
— „זאָגט מיר, איך בעט אײַך,
איר זײַט אַזוי רײַך,
פאַר וואָס גייט איר אָנגעטאָן ווי אַן אָרעמאַן?
פאַר וואָס טראָגט איר אַלטע, צעריסענע קליידער?“
האָט דער רײַכער מאַן געענטפערט:
— „איך בין טאַקע אַ רײַכער ייִד,
אָבער איך וויל העלפן די אָרעמע.
איך וויל פילן די נויט פון אָרעמע און הונגעריקע.
טו איך אָפט אָן אָרעמע קליידער
און גיי אַרום צווישן די אָרעמע מענטשן
אין די אָרעמע גאַסן,
און זע זייער אָרעמקייט און פיל זייער נויט.
אַז איך זע דאָס אַליין און פיל דאָס אַליין,
קען איך די אָרעמע בעסער העלפן.“

# דער רײַכער און
# דער געלערנטער

אַמאָל זײַנען געווען צוויי קלוגע יינגלעך.
אַז די צוויי יינגלעך זײַנען אויפגעוואַקסן,
איז איינער געוואָרן זייער אַ רײַכער מאַן.
דער צווייטער איז געוואָרן אַ גרויסער געלערנטער.
דער רייכער איז אַוועקגעפאָרן אין אַ צווייטער שטאָט.
דער געלערנטער איז געווען אָרעם,
זייער אָרעם, אָבער זייער ערלעך און געלערנט.
ער איז געבליבן אין זײַן שטאָט
און איז געוואָרן אַלץ מער און מער געלערנט.

דער רײַכער איז אָפט געקומען צו גאַסט אין זײַן שטאָט.
איז ווען ער איז געקומען צו גאַסט,
איז ער געגאַנגען זען זײַן געלערנטן פרײַנד,
און ער האָט פון אים געלאַכט און געזאָגט:
— „זע, געלערנטער מענטש,
דו ביסט אַזוי ערלעך און געלערנט,
און דו ביסט אַזוי אָרעם.
מיר איז בעסער פון דיר.
איך בין ניט געלערנט,
אָבער איך בין רײַך.“

אײן מאָל איז דער געלערנטער געגאַנגען זיך באָדן.
ער איז געגאַנגען זיך באָדן אין אַ טײַכל,
אַ טײַכל, װאָס מ'קען אַריבערפֿאָרן מיט אַ װאָגן.
ער איז געזעסן בײַם װאַסער און זיך אָפּגערוט.
ער איז אַ ביסל אײַנגעשלאָפֿן.
אין יענעם טאָג איז דער רײַכער מאַן
געװען צו גאַסט אין שטאָט.
איצט איז ער געפֿאָרן אַהײם.
ער איז אַריבערגעפֿאָרן דאָס טײַכל.
ער איז געפֿאָרן אין אַ שײנעם װאָגן.
אַז דער װאָגן איז אַריבערגעפֿאָרן דאָס טײַכל,
איז עפּעס אַראָפּגעפֿאַלן אין װאַסער.
קײנער האָט דאָס ניט געזען.
דאָס איז געװען זײער אַ שײן קעסטעלע,
אַ קעסטעלע מיט גאָלד און בריליאַנטן.
דערװײַל האָט דער געלערנטער זיך אױפֿגעכאַפּט.
אין ער אַרײַנגעגאַנגען אין טײַכל זיך באָדן.
האָט ער אָנגעטאַפּט מיט די פֿיס דאָס קעסטעלע.
אַז ער האָט דאָס גענומען און געעפֿנט,
האָט ער דאָרט געפֿונען גאָלד און בריליאַנטן.

איז ער געגאַנגען אין שטאָט אַרײַן
און האָט געפֿרעגט װעמעס דאָס איז,
אָבער קײנער האָט ניט געװוּסט.

האָט דער געלערנטער גענומען דאָס קעסטעלע אַהײם.
ער האָט פֿאַרקױפֿט דאָס גאָלד.
ער האָט פֿאַרקױפֿט די טײַערע בריליאַנטן.
און ער און זײַן װײַב און זײַנע קינדער
האָבן שױן אַלע יאָרן געלעבט גליקלעך.

# באַהאַלטענע הילף

אַמאָל איז געווען אַ גוטער ייִד.
ער האָט ליב געהאַט צו טאָן גוטס.
ער האָט ליב געהאַט צו העלפֿן די אָרעמע.

לעבן דעם ייִדן האָט געוואוינט אַן אָרעמאַן.
ער האָט געהאַט אַ ווײַב און קינדער.
ער האָט געוואָלט אַרבעטן,
אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין אַרבעט.
און קיין אומזיסטע הילף האָט ער ניט געוואָלט.
ער האָט ניט געוואָלט נעמען אומזיסט קיין געלט.
וואָס זשע האָט געטאָן, דער גוטער ייִד
וואָס האָט ליב געהאַט צו טאָן גוטס?
יעדן פֿרימאָרגן איז ער שטילערהייט
צוגעגאַנגען צו דעם אָרעמאַנס שטוב.
ער איז שטיל צוגעגאַנגען צו דער טיר.
ער האָט געפֿונען אַ קליינעם שפּאַלט אין טיר
און האָט אַרײַנגעוואָרפֿן אַ ביסל געלט.
דער אָרעמאַן האָט געפֿונען אין שטוב דאָס געלט.
ער האָט ניט געוואוסט וועמעס געלט עס איז.
האָט ער געגעבן דאָס געלט זײַן ווײַב
און זי האָט געקויפֿט עסן.

אײן מאָל איז דער ייִד אין דער פֿרי אַוועקגעגאַנגען
און האָט פֿאַרגעסן אַרײַנצואוואַרפֿן דאָס געלט.
שפּעטער איז דאָס ווײַב אים געגאַנגען רופֿן.
אויפֿן וועג אַהיים פֿרעגט זי אים:
— „הער, מײַן מאַן,
האָסט הײַנט אַרײַנגעוואָרפֿן אַ ביסל געלט
פֿאַר דער אָרעמער פֿאַמיליע?"
„אוי," — האָט אַ געשריי געטאָן דער ייִד, —
„איך האָב גאָר פֿאַרגעסן!"
זײַנען זיי ביידע שטילערהייט צוגעגאַנגען
צו דער טיר פֿון דעם אָרעמען הויז
און האָבן דורך אַ קליינעם שפּאַלט
אַרײַנגעוואָרפֿן געלט פֿאַר דער אָרעמער פֿאַמיליע.

פּלוצלונג האָט דער אָרעמאַן געעפֿנט די טיר.
אַז דער ייִד האָט געזען ווי די טיר עפֿנט זיך,
איז ער אַנטלאָפֿן.
און די פֿרוי האָט גענומען לויפֿן נאָך אים.
אַז זיי זײַנען געקומען אַהיים,
האָט דאָס ווײַב געפֿרעגט איר מאַן:
— „הער, מײַן ליבער מאַן,
פֿאַר וואָס ביסטו אַנטלאָפֿן פֿון דעם אָרעמאַן?"
האָט דער ייִד געענטפֿערט:
— „ווײַל דער אָרעמאַן וויל ניט קיין אומזיסטע הילף.
ער וויל אַרבעטן.
ווען ער זעט, אַז מיר העלפֿן אים,
וואָלט ער שוין אונדזער הילף ניט געוואָלט נעמען.
דערפֿאַר, מײַן ווײַב, בין איך אַנטלאָפֿן."

# דאָס קלוגע ייִנגעלע

אַ ייִד האָט געהאַט אַ שלעכט ווײַב.
וואָס ער האָט זי געהייסן טאָן —
האָט זי געטאָן פאַרקערט.
וואָס ער האָט געזאָגט,
האָט זי געזאָגט פאַרקערט.
האָט ער געזאָגט טאָג,
האָט זי געזאָגט נאַכט.
האָט ער געזאָגט ווײַס,
האָט זי געזאָגט שוואַרץ.
האָט ער זי געבעטן:
— „הער, מײַן ווײַב, קאָך הײַנט מילכיקס," —
האָט זי געקאָכט פליישיקס.
און אַז ער האָט געזאָגט: „קאָך פליישיקס," —
האָט זי געקאָכט מילכיקס.
און דער ייִד האָט זייער געליטן.

אין שטוב איז געווען אַ קליין ייִנגעלע.
אַז ער האָט געזען טאַטע-מאַמע קריגן זיך,
האָט עס אים ווי געטאָן.
האָט ער געטראַכט: איך מוז זען,
אַז טאַטע-מאַמע זאָלן זיך ניט קריגן.

וואָס זשע האָט ער געטאָן?
יעדן טאָג אין דער פֿרי
ווען די מאַמע איז געשטאַנען אין קיך,
איז ער אַרײַן צום טאַטן און געפֿרעגט:
— „טאַטע, וואָס זאָל די מאַמע הײַנט קאָכן,
מילכיקס צי פֿליישיקס?"
אַז דער טאַטע האָט געזאָגט „מילכיקס",
איז דאָס ייִנגעלע געלאָפֿן צו דער מאַמען
און האָט געזאָגט:
— „מאַמע, דער טאַטע וויל הײַנט פֿליישיקס."
און אַז דער טאַטע האָט געזאָגט „פֿליישיקס",
האָט דאָס ייִנגעלע געזאָגט:
— „מאַמע, דער טאַטע וויל הײַנט מילכיקס."

אָבער די מוטער האָט ניט געהערט איר מאַן.
זי האָט אַלע מאָל געטאָן פֿאַרקערט.
האָט זי געהערט וואָס דאָס ייִנגעלע זאָגט,
און זי האָט געטאָן פֿאַרקערט,
איז אַרויסגעקומען פּונקט גוט,
פּונקט ווי דער מאַן האָט געוואָלט.

איז געוואָרן שטיל אין שטוב.
טאַטע־מאַמע האָבן זיך מער ניט געקריגט.
די פֿרוי האָט געטאָן פּונקט פֿאַרקערט
ווי דער מאַן האָט געוואָלט,
אָבער ס׳איז אַרויסגעקומען גוט און פֿײַן.
האָט דער מאַן זייער ליב געהאַט זײַן פֿרוי,
ווײַל זי איז געוואָרן אַזוי גוט און געטרײַ.

אין שטוב איז געווען שטיל און רואיק,
און דער טאַטע איז אַרומגעגאַנגען אַ פרייליכער.

און אַט דאָס אַלץ איז געקומען פון דעם,
וואָס דאָס יינגעלע איז געווען גוט און קלוג,
און האָט געוואָלט טאָן גוטס
זיין טאַטן און מאַמען.

# דער ייִד און דער דימענט

אַמאָל איז געווען אַ קעניגין.
זי האָט געהאַט זייער אַ גוטן דימענט,
אַ שיינעם, גרויסן דימענט.
איין מאָל איז דער דימענט פֿאַרלאָרן געוואָרן.
האָט די קעניגין געזאָגט:
„הערט, מענטשן, הערט!
דער וואָס האָט געפֿונען מײַן דימענט,
מוז אים ברענגען צוריק צו מיר
ביז דרײַסיק טעג.
דער וואָס וועט אים ברענגען צו מיר
נאָך דרײַסיק טעג —
וועט געטייט ווערן!"

האָט אַ ייִד דעם דימענט געפֿונען.
דער ייִד איז געווען זייער אַן ערלעכער.
האָט ער דעם דימענט געוואָלט צוריקגעבן.
אָבער ער האָט אים ניט צוריקגעגעבן באַלד.
ער האָט געוואַרט דרײַסיק טעג.
און נאָך די דרײַסיק טעג,
איז ער געקומען צו דער קעניגין,
און האָט איר געבראַכט צוריק דעם דימענט.

איז די קעניגין געוואָרן בייז.
זי איז געוואָרן בייז אויף דעם ייִדן,
און זי האָט געפרעגט:
— „זאָג מיר, ייִד,
ווען האָסטו געפונען דעם דימענט?"
ענטפערט דער ייִד:
— „איך האָב אים געפונען
ווען דו האָסט אים פאַרלאָרן,
ס'איז שוין מער פון דרײַסיק טעג."
פרעגט אים די קעניגין:
— „ווייסטו, ייִד, אַז דו דאַרפסט געטייט ווערן,
ווײַל דו האָסט דעם דימענט צוריקגעבראַכט
נאָך די דרײַסיק טעג?"
ענטפערט דער ייִד:
— „יאָ, קעניגין, איך ווייס."

וואונדערט זיך די קעניגין און זאָגט:
— „האָסטו גאָר קיין מורא ניט פאַרן טויט?"
ענטפערט דער ייִד:
— „יאָ, איך האָב מורא פאַרן טויט.
אָבער איך האָב דיר געוואָלט ווײַזן,
אַז איך ברענג דיר צוריק דײַן טײַערן דימענט,
ניט ווײַל איך האָב מורא פאַרן טויט,
נאָר ווײַל אַזוי דאַרף זײַן.
ווײַל עס איז גוט און שיין אַזוי.
אַזוי דאַרף אַ מענטש טאָן.

דער דימענט איז ניט מײַנער.
אַז מ׳געפֿינט עפּעס, דאַרף מען אָפּגעבן.״

אַז די קעניגין האָט דאָס געהערט,
האָט זי געזאָגט:
— „ביסט אַ קלוגער מענטש!
יאָ, אַזוי דאַרף אַ מענטש טאָן.״
זי האָט אים באַלוינט און געגעבן שיינע זאַכן
און ער איז געגאַנגען אַהיים אַ פֿריילעכער.

# דער האָלצהעקער
# און דער אַלטער מאַן

אַמאָל איז געווען אַן אָרעמער האָלצהעקער.
ער איז געווען זייער אַ גוטער מענטש.
ער האָט געוואוינט אין וואַלד
אין אַ קליין, אָרעם שטיבל.

איין מאָל איז געקומען צו אים אַן אַלטער מאַן.
דער אַלטער מאַן האָט געזאָגט:
— „איך בין מיד און הונגעריק, ליבער ייִד.
קענסטו מיר העלפֿן?"
— „יאָ," — האָט דער ייִד געענטפֿערט.
„איך האָב אין שטוב אַ קליין שטיקל ברויט.
נאַ דיר און עס געזונטערהייט.
און מײַן שטיבל איז קליין און אָרעם.
אָבער דו קענסט זיך דאָ אָפּרוען."
האָט דער אַלטער דאָ געגעסן
און איז דאָ געשלאָפֿן איבער נאַכט.
אויפֿן צווייטן טאָג האָט ער געזאָגט דעם האָלצהעקער:
— „נו, איך גיי אַוועק.
אָבער איך וויל דיר דאַנקען פֿאַר דײַן גוט האַרץ.

נאַ דיר אַ פּײַפֿל.
אַז דו נעמסט דאָס פּײַפֿל און גיסט אַ פּײַף,
קריגסטו וואָס דו ווילסט.
אָבער, געדענק: דו זאָלסט זײַן אַ גוטער מענטש."

אַז דער אַלטער מאַן איז אַוועק,
האָט דער האָלצהעקער געזאָגט:
„איך וויל האָבן אַ שיינע שטוב
און עסן פֿאַר מײַן ווײַב און קינדער."
ער האָט געטאָן אַ פּײַף
און ער האָט אַלץ געהאַט.
נאָך דעם איז ער געוואָרן זייער רײַך.
ער האָט געהאַט אַ פּאַלאַץ.
ער האָט געהאַט דינערס אין פּאַלאַץ.
און ער האָט געהאַט אַ סך גאָלד און זילבער.
אָבער אַז ער איז געוואָרן רײַך,
איז ער געוואָרן שלעכט.
און ער האָט מער ניט געוואָלט העלפֿן
די אָרעמע און הונגעריקע.

איין מאָל האָט ער געמאַכט אַ גרויסע סעודה.
ער האָט צו דער סעודה גערופֿן נאָר די רײַכע.
די סעודה איז געווען אין רײַכן פּאַלאַץ,
האָט ער די אָרעמע אַהער ניט אַרײַנגעלאָזט.
פּלוצלונג, אין מיטן דער רײַכער סעודה,
קומט אַרײַן אין פּאַלאַץ אַן אַלטער אָרעמאַן.
דער רײַכער מאַן האָט אַ געשריי געטאָן:

— „ווער ביסטו, אַלטער?
אַרויס פון מײַן רײַכן פּאַלאַץ!"
האָט דער אַלטער אַרויסגענומען אַ פֿײַפֿל
און האָט געזאָגט:
— „זע, רײַכער מאַן, דו דערקענסט דאָס פֿײַפֿל?
אָט דאָס פֿײַפֿל האָב איך דיר געגעבן.
דו געדענקסט, אַז איך האָב דיר געזאָגט,
אַז איך גיב דיר דאָס פֿײַפֿל,
אָבער דו זאָלסט זײַן גוט.
איצט ביסטו געוואָרן רײַך
און ביסט געוואָרן שלעכט.
נעם איך עס מיר אָפּ צוריק."

און דער אַלטער מאַן האָט אַ פֿײַף געטאָן.
באַלד איז דער פּאַלאַץ פֿאַרשוואונדן
און אַלץ איז צוריק געווען ווי אַמאָל.

# דער פּרוכט-פּאַרקויפער

אַמאָל איז געווען אַ גוטער, געלערנטער ייִד.
ער האָט ליב געהאַט אַלע מענטשן.
ער האָט די מענטשן געטאָן גוטס.
און אַלע מענטשן האָבן אים ליב געהאַט.
איין מאָל, אין אַ פֿרײַטיק,
איז געקומען צו אים אַן אָרעמע פֿרוי.
די אָרעמע פֿרוי האָט געזאָגט:
— „גוטער מענטש!
הײַנט איז פֿרײַטיק
און איך וויל הײַנט קויפֿן עסן אויף שבת.
איך וויל קויפֿן פֿיש און פֿלייש אויף שבת
פֿאַר מיר און פֿאַר מײַנע קינדער.
אָבער איך האָב ניט קיין געלט.
העלף מיר, גוטער מענטש!"

האָט דער ייִד גענומען אַ ביסל געלט
און ער האָט געזאָגט:
— „נאַ דיר, ליבע פֿרוי.
נאַ דיר אַ ביסל געלט,
און גיי קויף פֿיש און פֿלייש אויף שבת
פֿאַר דיר און פֿאַר דײַנע קינדער."

אָבער די פרוי האָט ניט געוואָלט דאָס געלט.
זי האָט געזאָגט:
— „ניין, גוטער, געלערנטער מענטש.
איך האָב ליב צו אַרבעטן,
איך וויל ניט אומזיסט קיין געלט.
איך פאַרקויף פרוכט.
אָבער היינט זיינען מיינע פרוכט ניט שיין
און די מענטשן קויפן זיי ניט."

האָט דער געלערנטער געפרעגט:
— „אָבער צום עסן זיינען די פרוכט גוט?"
— „יאָ," — האָט געענטפערט די פרוי, —
„צום עסן זיינען די פרוכט זייער גוט."
— „גוט," — האָט דער ייִד געזאָגט, —
„קום מיט מיר."
און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען אין מאַרק.

דער געלערנטער איז געשטאַנען אין מאַרק.
ער איז געשטאַנען ביי די פרוכט
און ער האָט געשריִען:
„ייִדן, קויפט גוטע פרוכט!
קויפט פרוכט, קויפט פרוכט, גוטע מענטשן!
גוטע פרוכט צום עסן!"

אַז די מענטשן האָבן געזען דעם געלערנטן
ווי ער שטייט ביי די פרוכט,
זיינען זיי צוגעקומען צו אים.
אַלע האָבן אים זייער ליב געהאַט.

אַלע האָבן געוואָלט אים טאָן גוטס.
האָבן זיי געקויפט פרוכט.
און באַלד האָט ער די גאַנצע פרוכט פאַרקויפט.

דער ייִד האָט געגעבן דאָס געלט דער פרוי
און האָט געזאָגט:
— „נאַ דיר, גוטע פרוי,
נאַ דיר דייַן געלט פאַר די פרוכט.
גיי קויף פיש און פלייש אויף שבת.
גיי קויף וואָס דו דאַרפסט
פאַר דיר און פאַר דייַנע קינדער.”

# דער באַלעגאָלע און דער אוצר

אין אַ שטאָט איז געווען אַ ייִד אַן אָרעמאַן.
ער האָט געהאַט אַ וועגעלע און אַ פערדל.
ער איז געווען אַ באַלעגאָלע.
יעדן טאָג איז ער אַרויסגעפאָרן אין פעלד.
אין פעלד האָט ער אָנגעפילט אַ וועגעלע זאַמד.
און ער האָט דאָס זאַמד געבראַכט אין שטאָט.
אין שטאָט האָט ער דאָס זאַמד פאַרקויפט
און איז ווידער געפאָרן אין פעלד אַרײַן.
ער האָט געלעבט אָרעם.
אָבער ער איז געווען אַ פריילעכער אָרעמאַן.
אַז די קינדער האָבן געבעטן ברויט
און דאָס ווײַב האָט געוויינט,
האָט ער צו זיי געזאָגט:
— „ניט געזאָרגט, מײַן ווײַב און קינדער,
גאָט וועט העלפן,
ס'וועט בעסער ווערן!"

איין מאָל איז דער באַלעגאָלע געפאָרן אין פעלד.
אין שטוב איז ניט געווען קיין גראָשן,

און ווײַב און קינדער זײַנען געווען הונגעריק.
האָבן זיי געוואַרט אַ גאַנצן טאָג.
די קינדער האָבן געהאַלטן אין איין וויינען:
— „ברויט, ברויט! מאַמע, ברויט!"
און זיי האָבן געוואַרט אויפֿן טאַטן
מיטן פֿערד און וועגעלע.
אָבער דער טאָג איז אַוועק
און דער טאַטע איז ניט געקומען.
האָט דאָס ווײַב זיך געשראָקן.
און די קינדער האָבן געוויינט און געוויינט,
ביז זיי זײַנען אײַנגעשלאָפֿן.

שפּעט בײַ נאַכט,
ווען ס'איז שוין געווען גוט פֿינצטער
און קיין מענטשן האָט מען ניט געזען,
איז דער באַלעגאָלע געקומען אַהיים.
ער איז אַרײַנגעקומען מיט אַ גרויסער פֿרייד,
און ער האָט דערציילט זײַן פֿרוי:
— „הער, מײַן ליבע פֿרוי,
דו ווייסט פֿאַר וואָס איך בין געקומען שפּעט?
איך בעט דיך, שרעק זיך ניט.
אַזוי ווי איך שטיי הײַנט אין פֿעלד
און איך גראָב און גראָב אין זאַמד,
פֿיל איך, אַז ס'איז עפּעס האַרט.
אין זאַמד ליגט אַ האַרטע זאַך.
נעם איך און שאַר אַראָפּ דאָס זאַמד,
זע איך . . . עפּעס אַ גאַנצן אוצר,
אַן אוצר פֿון גאָלד און זילבער.

נו, וואָס שטייסטו, מײַן ווײַב?
וועק אויף די קינדער!"

די מאַמע האָט אויפגעוועקט די קינדער
און האָט זיי אַלץ דערציילט.
זיי האָבן זיך אַזוי דערפרייט,
אַז זיי האָבן אין מיטן נאַכט
גענומען טאַנצן און שפּרינגען און זינגען.
דער פאָטער איז געשטאַנען און האָט געקוקט.
טרערן זײַנען געשטאַנען אין זײַנע אויגן,
טרערן פון פרייד.
און ער האָט געזאָגט זײַן ווײַב:
— „נו, מײַן טײַער ווײַב,
געדענקסט וואָס איך פלעג אַלע מאָל זאָגן?
ניט געזאָרגט, מײַן ווײַב און קינדער,
גאָט וועט העלפן,
ס'וועט בעסער ווערן."

# דער ערלעכער ייִד

אַמאָל איז געווען אַ ייִד.
ער איז געווען אַ גוטער און אַן ערלעכער,
אָבער ער איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן.
איין מאָל קומט צו אים אַ מאַן און זאָגט:
— „זע, איך האָב אַ הון.
איך וויל די הון פאַרקויפן,
אָבער איך האָב ניט קיין צייַט.
איך גיי אַוועק.
מעג איך איבערלאָזן די הון אין דייַן הויז?"
ענטפערט דער ייִד: — „גוט."
האָט דער מאַן איבערגעלאָזט די הון
און ער איז אַוועקגעגאַנגען.
גייען אַוועק אַ טאָג, צוויי טעג, דרייַ טעג.
עס גייען אַוועק אַ וואָך נאָך אַ וואָך.
דער מאַן קומט ניט.
און די הון לייגט אין הויז אייער.
און פון די אייער קומען אַרויס הינדעלעך
און ס'קומען אַרויס הענדעלעך.
און דער מאַן פון דער הון קומט ניט.
ווערן די הינדעלעך גרויס,
זיי ווערן גרויסע הינער.

ווערן אויך די הענדעלעך גרויס,
זיי ווערן גרויסע הענער.
לויפן די הענער אַרום אין הויז,
לויפן און צעברעכן די זאַכן.
און די הינער לויפן אַרום און טומלען.
און די הינער לייגן ווידער אייער.
פון די נײַע אייער קומען אַרויס
נײַע הינדעלעך און נײַע הענדעלעך.
און דאָס הויז ווערט פול מיט הינער און הענער.
זיי לויפן אַרום אין הויז און צעברעכן אַלץ.
און דער מאַן פון דער הון קומט ניט.

זאָגט די פרוי צו איר מאַן:
— „הער, מײַן ליבער מאַן.
די הינער און הענער ווערן מער און מער.
זיי לויפן אַרום אין הויז און טומלען.
זיי צעברעכן אין הויז די זאַכן.
נעם און פאַרקויף זיי!
פאַרקויף זיי —
און האַלט דאָס געלט פאַרן מאַן פון דער הון."
זאָגט דער ייִד: — „זייער גוט.
ווייסט, מײַן ווײַב, וואָס איך וועל טאָן?
איך וועל די הענער און הינער פאַרקויפן,
פאַרן געלט וועל איך קויפן קערנער.
און די קערנער וועל איך פאַרזייען
אויף אונדזער שטיקל פעלד."
און דער ערלעכער ייִד האָט אַזוי געטאָן.
ער האָט פאַרקויפט די הינער און הענער.

פאַרן געלט האָט ער געקויפט קערנער.
די קערנער האָט ער פאַרזייט אין פעלד.
און פון די קערנער איז אַרויסגעקומען קאָרן.
אַ סך, אַ סך קאָרן.

אין דריי יאָר אַרום איז דער מאַן געקומען.
זאָגט ער צו דעם ייִדן: — „וואו איז מײַן הון?"
זאָגט דער ייִד: „קום מיט מיר."
און ער האָט געבראַכט דעם מאַן
צו אַ שפּײַכלער מיט קאָרן און געזאָגט:
— „דו זעסט דעם פולן שפּײַכלער מיט קאָרן?
ס'איז פון דײַן הון, ס'איז דײַנס.
נעם עס דיר."
האָט דער מאַן געזאָגט: — „ניין, מײַן פרײַנד.
דו האָסט געטאָן זייער אַ גוטע זאַך.
נעם דיר אויך אַ טייל קאָרן.
אָבער דער ייִד האָט ניט געוואָלט נעמען אַ טייל פון דעם קאָרן.
און דער מאַן האָט געמוזט ברענגען וועגענער
און צונעמען דעם גאַנצן קאָרן.



# דער קלוגער ייִד

אין אַ קליין שטעטל האָט געלעבט אַ ייִד.
ער איז געווען אַן אָרעמאַן.
ער האָט אַרומגעטראָגן בריוו.
קיין פּאָסט איז נאָך דעמאָלט ניט געווען,
האָט ער געטראָגן בריוו פֿון שטאָט צו שטאָט.
ער איז געווען אַ געזונטער און אַ שטאַרקער.

איין מאָל האָט אַ רײַכער מאַן צו אים געזאָגט:
— „הער, ליבער פּאָסטמאַן,
דו גייסט פֿון שטאָט צו שטאָט,
נאַ דיר טויזנט טאָלער
און גיב עס מײַן פֿרײַנד אין דער צווייטער שטאָט.“
האָט דער ייִד, דער פּאָסטמאַן, געזאָגט: — „גוט.“
און ער האָט גענומען די טויזנט טאָלער
און איז געגאַנגען צו דער צווייטער שטאָט.

אויפֿן וועג איז געווען אַ גרויסער וואַלד.
אַז דער ייִד איז דורכגעגאַנגען דעם וואַלד,
איז אַרויסגעלאָפֿן אַ רויבער.
דער רויבער האָט געהאַט אין האַנט אַ ביקס.

האָט ער אָנגעשטעלט די ביקס קעגן דעם ייִדן
און אַ געשריי געטאָן:
— „שטיי, אָדער איך שיס!"
דער ייִד איז געבליבן שטיין,
און דער רויבער האָט געזאָגט:
— „גיב אַהער דײַן געלט, גיך,
אויב ניט, שיס איך דיך!"

האָט דער ייִד געגעבן דעם רויבער דאָס געלט
און האָט צו אים געזאָגט: — „הער, רויבער,
דו נעמסט בײַ מיר אַוועק דאָס געלט,
אָבער דאָס געלט איז פרעמדס, ניט מײַנס.
אַז איך וועל קומען צוריק און זאָגן,
אַז מען האָט מיך באַרויבט,
וועט מען מיר ניט גלייבן.
איך בעט דיך, רויבער, גיב מיר אַ סימן,
אַז מען האָט דאָס געלט צוגערויבט."

— „וואָס פאַר אַ סימן קען איך דיר געבן?" —
האָט דער רויבער געפרעגט.
— „איך וועל אַוועקלייגן מײַן רעקל, —
האָט דער ייִד געענטפערט, —
און דו נעם דײַן ביקס
און שיס מײַן רעקל דורך און מאַך אַ לאָך.
אַז איך וועל ווײַזן די לאָך פון דער קויל
דעם מענטשן, וואָס האָט מיר געגעבן דאָס געלט,
וועט ער מיר גלייבן
אַז מען האָט דאָס געלט בײַ מיר צוגערויבט."

האָט דער ייִד אַוועקגעלייגט דאָס רעקל,
און דער רויבער האָט געשאָסן און געמאַכט אַ לאָך.
אָבער דער ייִד האָט אים געבעטן:
– „איך בעט דיך, רויבער,
שיס נאָך אַמאָל, מאַך נאָך אַ לאָך, אָדער צוויי.”
האָט דער רויבער אַזוי געטאָן.
ער האָט געשאָסן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל,
ביז ער האָט געזאָגט:
– „שוין, איך קען שוין מער ניט שיסן,
איך האָב ניט מער קיין קוילן אין מײַן ביקס.”

האָט דער שטאַרקער ייִד אַ כאַפּ געטאָן דעם רויבער
און האָט אַרויסגעריסן בײַ אים די ביקס.
נאָך דעם האָט ער אים אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד,
האָט צוריקגענומען בײַ אים דאָס געלט
און איז אַ פֿריילעכער אַוועקגעגאַנגען ווײַטער.

# דער ייד הלל

אַמאָל איז געווען אַ ייִד.
זײַן נאָמען איז געווען הלל (הילעל).
הלל האָט ניט געקענט לערנען.
ער האָט געוואָלט לערנען,
אָבער ער איז געווען אָרעם, זייער אָרעם.
ער האָט ניט געהאַט קיין געלט
צו צאָלן פֿאַרן לערנען אין אַ שול.
וואָס האָט הלל געטאָן ?
ער איז אויפֿגעשטאַנען יעדען טאָג גאַנץ פֿרי
און איז געגאַנגען אין וואַלד.
אין וואַלד האָט ער אָנגעהאַקט האָלץ.
האָט ער דאָס האָלץ געבראַכט אין שטאָט.
אין שטאָט האָט ער דאָס האָלץ פֿאַרקויפֿט.
פֿאַרן געלט האָט ער געקויפֿט ברויט,
ברויט פֿאַר זײַן ווײַב און קינדער און פֿאַר זיך,
און אים איז נאָך געבליבן אַ ביסל געלט
צו צאָלן פֿאַרן לערנען אין שול.

איין מאָל, ווינטער, האָט הלל
ניט געקענט גיין אין וואַלד אַרײַן.
עס איז געווען אַ גרויסער שניי.
האָט הלל ניט געקענט גיין אין וואַלד אַרײַן.

האָט הלל געזאָגט: — „וואָס טוט מען?
איך האָב הײַנט ניט קיין געלט.
איך קען הײַנט ניט גיין אין שול זיך לערנען.
אָבער איך וויל לערנען. וואָס טוט מען?"
האָט הלל געטראַכט: — „איך וועל גיין אין שול,
אפשר וועט מען מיך אַרײַנלאָזן אָן געלט."
איז הלל אַוועק אין שול.
אָבער בײַ דער טיר איז געשטאַנען אַ מאַן.
דער מאַן האָט געזאָגט:
— „הלל, אַלע דאַרפֿן צאָלן פֿאַרן לערנען,
דו דאַרפֿסט אויך צאָלן."
און הלל האָט ניט געקענט אַרײַנקומען אין שול.

אָבער הלל האָט געוואָלט לערנען.
וואָס זשע האָט ער געטאָן?
איז ער אַרויף אויפֿן דאַך.
אויפֿן דאַך איז געווען אַ דאַכפֿענצטער.
האָט הלל אַוועקגעשאַרט דעם שניי
זיך געלייגט בײַם דאַכפֿענצטער,
און זיך צוגעהערט,
וואָס דער רבי לערנט מיט די תּלמידים.
און דער שניי פֿאַלט און פֿאַלט
און פֿאַרדעקט הללן.
און הלל ליגט אונטערן שניי
און הערט זיך צו צום לערנען.
עס איז אים אַזוי גוט, אַזוי גוט.
הלל פֿילט ניט דעם שניי,
ער פֿילט ניט אַז ס'איז קאַלט.

ער ליגט און פֿאַרשטעלט דאָס פענצטער.
איז אין שול ניט אַזוי ליכטיק ווי אַלע מאָל.
וואונדערט זיך דער רבי:
„פֿאַר וואָס איז ניט ליכטיק?
פֿאַר וואָס איז ניט אַזוי ליכטיק ווי אַלע מאָל?"
האָט ער אַ קוק געטאָן צום דאַכפענצטער
און האָט געזאָגט:
— „ביים דאַכפענצטער ליגט אַ מענטש!"
באַלד זיינען די שילער אַרויף אויפֿן דאַך.
זיי האָבן אָפּגעשאַרט דעם שניי און דערזען הלל.
ער איז געווען האַלב פאַרפראָרן.
האָבן זיי אים אַריינגענומען אין שול.
זיי האָבן אים געוואַרעמט און געוואַרעמט,
ביז ער איז געקומען צו זיך.
אַלע האָבן זייער ליב געקראָגן הלל.
איצט איז ער שוין געגאַנגען אין שול אָן געלט.
ער האָט שוין ניט געדאַרפט צאָלן פאַרן לערנען.
ער האָט אַ סך, אַ סך געלערנט
און איז געוואָרן ביי יידן אַ גרויסער געלערנטער.

# דער קלוגער סוחר

אַמאָל איז געווען אַ סוחר.
ער איז געווען זייער אַ קלוגער מענטש.
אַ סך מאָל האָט דער סוחר פאַרלאָזט זײַן שטאָט.
ער איז געפאָרן אין אַ צווייטער שטאָט.
ער האָט דאָרט געהאַנדלט.
ער האָט דאָרט געקויפט סחורה.
און אַז ער איז געקומען אַהיים,
האָט ער די סחורה פאַרקויפט.

אײן מאָל איז דער סוחר געפאָרן אין אַ ווײַטער שטאָט.
ער איז געקומען קויפן סחורה.
ער האָט געהאַט מיט זיך אַ בײַטל מיט געלט.
ער האָט געהאַט אין בײַטל פינף הונדערט טאָלער.
האָט ער געטראַכט:
„איך בין דאָ אין שטאָט אַ פרעמדער.
אפשר וועלן קומען שלעכטע מענטשן
און צונעמען בײַ מיר מײַן געלט?"
איז ער אַוועקגעגאַנגען הינטער דער שטאָט.
ער איז געקומען אויף אַ פעלד.
אויפן פעלד האָט ער זיך גוט אַרומגעקוקט.
ער האָט אויסגעגראָבן אַ גרוב
און האָט באַהאַלטן די פינף הונדערט טאָלער.

אויפן פעלד, לעבן גרוב, איז געשטאַנען אַ וואַנט.
פון יענער זײַט וואַנט איז געווען אַ קליין שטיבל.
אין שטיבל האָט געוואוינט אַ מאַן.
ווען דער סוחר האָט באַהאַלטן דאָס געלט אין גרוב,
האָט דער מאַן פון שטיבל דאָס געזען.
ער האָט געקוקט דורך אַ לאָך,
וואָס איז געווען אין וואַנט
און ער האָט אַלץ געזען.
אַז דער סוחר האָט אַרײַנעלייגט דאָס געלט
און איז אַוועקגעגאַנגען,
איז געקומען דער מאַן פון שטיבל
און האָט דאָס צוגענומען.
אין עטלעכע טעג אַרום
איז דער סוחר געקומען נעמען דאָס געלט.
ער האָט דאָס געלט אין גרוב ניט געפונען.

אָבער דער סוחר איז געווען זייער אַ קלוגער,
האָט ער זיך ניט פאַרלאָרן.
ער האָט געקוקט און געזוכט אין אַלע זײַטן,
און פלוצלונג האָט ער דערזען די לאָך אין וואַנט.
האָט ער אַרײַנגעקוקט אין לאָך
און האָט געזען דאָס קליינע שטיבל.
האָט ער שוין אַלץ פאַרשטאַנען.
וואָס זשע האָט ער געטאָן ?

איז ער געקומען צו דעם מאַן פון שטיבל
און ער האָט געזאָגט:
— „הער, גוטער מענטש,
איך האָב געהערט, אַז דו ביסט זייער קלוג,
איך בעט דיך, גיב מיר אַן עצה.

איך בין דאָ אין שטאָט אַ פּרעמדער.
איך בין געקומען קויפן סחורה.
איך האָב געהאַט אַ בײַטל מיט פינף הונדערט טאָלער,
האָב איך מורא געהאַט פאַר שלעכטע מענטשן, —
האָב איך אים ערגעץ באַהאַלטן.
אָבער איך האָב נאָך אַ בײַטל מיט געלט,
אויך מיט פינף הונדערט טאָלער.
ווייס איך ניט וואָס צו טאָן, —
צי איך זאָל דעם צווייטן בײַטל אויך דאָרט אַוועקלייגן,
צי איך זאָל אים באַהאַלטן אין אַן אַנדער פּלאַץ.
זאָג מיר, קלוגער מענטש, וואָס זאָל איך טאָן?"

אַז דער מאַן פון שטיבל האָט דאָס געהערט,
האָט ער געוואָלט האָבן אויך דעם צווייטן בײַטל.
האָט ער געענטפערט:
— „גיי, פרעמדער, און לייג אַוועק דעם צווייטן בײַטל
דאָרט, וואו עס ליגט דער ערשטער בײַטל."

אַז דער פרעמדער איז אַוועקגעגאַנגען,
האָט דער מאַן פון שטיבל געטראַכט:
— „אַז דער פרעמדער וועט קומען צום גרוב
און ער וועט ניט געפינען דעם ערשטן בײַטל,
וועט ער ניט וועלן אַוועקלייגן דעם צווייטן בײַטל."
האָט ער גענומען דעם בײַטל מיטן געלט
און האָט דאָס צוריקגעלייגט אין גרוב.
איז געקומען דער קלוגער סוחר
און האָט צוריקגענומען זײַן בײַטל
מיט די פינף הונדערט טאָלער
און איז אַ פרייליכער צוריקגעפאָרן אַהיים.

# דער וואונדער

אַמאָל איז געווען אַ ייִד.
ער איז געווען זייער אַ גוטער און אַן ערלעכער
אָבער ער איז געווען זייער אָרעם.
אַ סך מאָל איז ניט געווען
קיין שטיקל ברויט אין שטוב.
דער ייִד און זײַן ווײַב
האָבן זייער ליב געהאַט דעם טאָג שבת.
אַז זיי האָבן געהאַט געלט, האָבן זיי צוגעגרייט
שבתדיקע עסנס און געטראַנקען.
אָבער אַ סך מאָל האָבן זיי ניט געהאַט קיין געלט
און זיי האָבן גאָרניט געהאַט אויף שבת.

איין מאָל, פרײַטיק, האָבן זיי גאָרניט געהאַט.
אָט איז שוין שבת און זיי האָבן אַפילו ניט קיין חלה.
זיי האָבן גאָרניט. וואָס טוט מען ?
האָט דאָס ווײַב גענומען עטלעכע שטיקלעך האָלץ
און זי האָט זיי אַרײַנגעלייגט אין אויוון.
זי האָט געטראַכט:
די שכנות וועלן זען
אַז ס׳גייט פון מײַן קוימען אַ רויך,
וועלן זיי מיינען אַז איך קאָך און באַק אויף שבת
אַזוי ווי זיי קאָכן און באַקן אויף שבת.

אַ רײַכע פֿרוי, אַ שכנה, האָט געזען דעם רויך,
וואָס איז געגאַנגען פֿון דעם קוימען
און זי האָט געזאָגט:
— „ווער װעמען וויל זי אָפּנאַרן, די אָרעמע פֿרוי?
איך ווייס דען ניט, אַז זי האָט ניט אויף שבת?...״
און זי איז באַלד אַוועק צו דער אָרעמער שטוב.
זי האָט געוואָלט ווײַזן דער אָרעמער פֿרוי
אַז זי פֿאַרשטייט וואָס יענע טוט.
האָט זי אָנגעקלאַפּט אין דער טיר:
— „עפֿנט אויף! עפֿנט אויף!״

די אָרעמע פֿרוי האָט זי דערזען דורכן פֿענצטער.
זי האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט אַרײַנקומען
און זי וועט אַרײַנקוקן אין ליידיקן אויוון,
וועט זי אַלעמען דערציילן וואָס זי האָט געזען.
האָט זי זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל
און האָט ניט געעפֿנט די טיר.
די רײַכע פֿרוי האָט דאָס געזען.
זי איז ניט געגאַנגען צוריק אַהיים.
זי איז צוגעגאַנגען צו אַ פֿענצטער,
וואָס איז געווען אַנטקעגן אויוון
און זי האָט אַרײַנגעקוקט אין שטוב אַרײַן.

פּלוצלונג איז עפּעס געשען:
דער אויוון איז געוואָרן פֿול מיט גוטע זאַכן,
מיט גוטע, שבתדיקע עסנס און מיט חלות.
די חלות זײַנען געווען ברוין און הויך.
זיי זײַנען געווען פּאַרטיק צום אַרויסנעמען.

האָט די שכנה, די רײַכע פרוי, זיך געוואונדערט:
„זע נאָר וואָס דאָ טוט זיך!
זע נאָר, אַ פולער אויוון מיט חלות
און מיט גוטע, שבתדיקע עסנס
בײַ דעם אָרעמען ייִדנס ווײַב!
מם, וואָס דאָ טוט זיך!"
האָט זי אַ געשריי געטאָן דורכן פענצטער:
— „גיכער, גיכער, גייט צו צום אויוון,
די חלות ווערן פאַרברענט!"

די אָרעמע פרוי איז אַרויס פון ווינקל.
זי האָט געעפנט די טיר פאַר דער שכנה.
זי האָט גענומען שלעפן פונעם אויוון די חלות
און אַלע גוטע עסנס און האָט געזאָגט:
— „אָ, דאָס וועט זײַן געגוג אויף שבת
און אויף אַ גאַנצער וואָך.
דאָס וועט זײַן גענוג פאַר מײַן הויזגעזינד
און פאַר אַנדערע אָרעמע מענטשן אויך."

די רײַכע פרוי האָט דאָס געזען.
זי האָט גאָרניט געענטפערט.
זי האָט איבערגעלאָזט די גליקלעכע פרוי
און איז אַוועק אַהיים אַ פאַרשעמטע.

# אמתע פריינדשאַפט

אויף אַ וועג זײַנען געגאַנגען דרײַ מענטשן.
זיי זײַנען געווען גוטע פרײַנד.
זיי זײַנען געווען יונגע, וואונדערלעכע מענטשן.
איינער פון זיי האָט געהאַט אַ שפּאַקטיוו.
אַז מען האָט געקוקט דורך דעם שפּאַקטיוו,
האָט מען געזען הונדערט מײַל ווײַט.
דער צווייטער האָט געהאַט אַ לופטבאַלאָן.
עס איז געווען אַ גרויסער לופטבאַלאָן.
עס האָבן געקענט אַרײַן אין אים עטלעכע מענטשן
און פליִען הונדערט מײַל אַ שעה.
דער דריטער האָט געהאַט וואונדערלעכע גראָזן.
די וואונדערלעכע גראָזן האָבן געהיילט מענטשן.
זיי האָבן אויסגעהיילט פון אַלע קראַנקייטן.

זײַנען זיי געגאַנגען און געגאַנגען אין וועג.
דאָ האָט איינער פון זיי אַ זאָג געטאָן
צו דעם יונגנמאַן מיטן שפּאַקטיוו:
— „זײַ אַזוי גוט, ליבער פרײַנד, משה,
און גיב אַ קוק דורך דײַן שפּאַקטיוו.
זײַנען מיר נאָך ווײַט פון אַ שטאָט?"
האָט דער יונגערמאַן געקוקט און געזען,
אַז אין דער שטאָט, וואָס איז הונדערט מײַל ווײַטער,



גייען אַרום אַ סך מענטשן און וויינען.
האָט ער געזאָגט צום צווייטן:
— „ווען דו ווילסט, ליבער פֿרײַנד אַברהם,
עפֿנסטו דײַן לופֿטבאַלאָן.
אַז דו וועסט עפֿענען דײַן לופֿטבאַלאָן,
וועלן מיר אַלע דרײַ אַריבערפֿליִען אין יענער שטאָט.
און אין אַ שעה אַרום וועלן מיר וויסן
פֿאַר וואָס די מענטשן גייען אַרום און וויינען."
האָט דער צווייטער אַזוי געטאָן.
אין אַ שעה אַרום זײַנען זיי שוין געווען אין שטאָט,
און האָבן געפֿרעגט פֿאַר וואָס מען וויינט דאָ.

האָבן די מענטשן זיי געענטפֿערט:
— „בײַ אונדז אין שטאָט וואוינט אַ מענטש.
ער איז זייער געלערנט און איז זייער רײַך.
איז זײַן טאָכטער געוואָרן קראַנק
און זי האַלט בײַם שטאַרבן.
די גרעסטע דאָקטוירים קענען איר ניט העלפֿן.
דער פֿאָטער גיט האַלב פֿון זײַן פֿאַרמעגן
דעם וואָס וועט זײַן טאָכטער געזונט מאַכן.

אָבער קײנער קען זי ניט געזונט מאַכן.
זײַנען די מענטשן פון שטאָט זײער טרויעריק.
אַלע האָבן דעם געלערנטן זײער ליב,
איז מען טרויעריק און מען װײנט.״

אַז די יונגע לײַט האָבן דאָס דערהערט,
האָבן זײ געזאָגט צו זײער פרײַנד
װאָס האָט די װאונדערלעכע גראָז:
— „גיכער, לויף צום געלערנטן
און הײל אױס זײַן טאָכטער!״
דער יונגערמאַן האָט דאָס געטאָן.
אױפן דריטן טאָג
איז דאָס מײדל אַראָפּ פון בעט א געזונטע.
האָט דער פאָטער זיך זײער געפרײט.
ער האָט געװאָלט אָװעקגעבן האַלב פון זײַן פאַרמעגן
דעם יונגנמאַן מיט די װאונדערלעכע הײלגראָזן.
אָבער דער יונגערמאַן האָט געזאָגט:
— „נײן, טײַערער מענטש,
מײַן פרײַנד מיטן שפּאַקטיװ האָט געזען
אַז די מענטשן אין שטאָט װײנען,
דערפאַר בין איך געקומען צו דיר.
דו דאַרפסט באַלױנען מײַן פרײַנד.
אים דאַרפסטו געבן האַלב פון דײַן פאַרמעגן.״
— „נײן, — האָט זיך דער יונגערמאַן מיטן שפּאַקטיװ אָפּגערופן, —
מײַן פרײַנד װאָס האָט דעם לופטבאַלאָן
האָט אונדז אַהער געבראַכט.
װען ער ברענגט אונדז ניט אַהער,

וואָלט אפשר דײַן טאָכטער געשטאָרבן.
אים דאַרפסטו באַלוינען.
אים דאַרפסטו געבן האַלב פון דײַן פאַרמעגן."
— „איך זע, איר זײַט אמתע גוטע פרײַנד, —
האָט דער פאָטער געענטפערט, —
איך וויל ניט צעשטערן אײַער פרײַנדשאַפט.
איר האָט אַלע דרײַ געראַטעוועט מײַן טאָכטער,
וועל איך מײַן גרויס פאַרמעגן
צעטיילן אויף דרײַ טיילן.
איר וועט אַלע דרײַ קריגן דאָס גרויסע פאַרמעגן."

און די יונגעלײַט האָבן גענומען דעם רײַכן לוין,
זיך צעטיילט גלײַך אויף גלײַך
און אַוועקגעגאַנגען ווײַטער, ווי אמתע פרײַנד.